**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג אורטייל פון פיפטע סירקוט געריכט פראבירנדיג צו באגרעניצן צוטריט צו אבארשען דורך מעדיצין, שטרייכט גאווערנער האקול אונטער אז ניו יארק וועט זיין א "זיכערע האפן" פאר אלע וועלכע ווענדן זיך פאר אבארשען קעיר**

***אין יוני האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו באשיצן ניו יארקע דאקטוירים וועלכע פארשרייבן אבארשען דורך מעדיצין אריבער סטעיט גרעניצן***

***ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט האט אוועקגעלייגט 150,000 דאזעס פון אבארשען מעדיצין זיך צו גרייטן פאר א פארגרעסערטע נויט אין פאל וואס Mifepristone ווערט פארבאטן אריבער דאס לאנד***

***גאווערנער האט אוועקגעשטעלט לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע אבארשען פּראָווײדער שטיצע קאסע צו באשיצן אבארשען צוטריט נאך Dobbs אורטייל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנגעוויזן אויף שריט וואס ניו יארק נעמט אונטער צו באשיצן צוטריט צו אבארשען קעיר, אריינרעכענענדיג אבארשען דורך מעדיצין, נאכפאלגנדיג א פעדעראלע געריכט אורטייל וואס פראבירט צו באגרעניצן צוטריט צו mifepristone. די פאראייניגטע שטאטן געריכט פון אפיעלס פאר די פיפטע סירקוט האט ארויסגעגעבן אן אורטייל פארמיידנדיג דאקטוירים פון פארשרייבן mifepristone פאר פאציענטן אן א באזוך פנים אל פנים און פארבאטנדיג צו שיקן די מעדיצין פאר פאציענטן דורך די פאסט. די אורטייל האט נישט קיין באלדיגע השפעה אויף צוטריט צו mifepristone, אבער די עניין איז ערווארטעט צו אנקומען בעפאר די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט אין די קומענדיגע חודשים.

"אזוי ווי מיר זעצן פאר צו צוזעהן עקסטרעמיסטן וועלכע זענען קעגן לאזן מענטשן מאכן אייגענע באשלוסן באגרעניצנדיג צוטריט צו קינדער-געבורט קעיר ווי למשל אבארשען דורך מעדיצין אין סטעיטס אריבער דאס לאנד — בלייבט mifepristone לעגאל און צו באקומען אין ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז אבארשען בלייבט זיכער, צוגענגליך און לעגאל אין אונזער סטעיט, און איך וועל שטענדיג קעמפן פאר ניו יארק צו פארזעצן צו זיין א זיכערע האפן פאר די וועלכע נויטיגן זיך אין קינדער-געבורט קעיר."

אין אפריל פון 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז די סטעיט וועט אנהויבן זאפאסן פון די אבארשען מעדיצין misoprostol אלץ א חלק פון אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן צוטריט צו אבארשען. אונטער די גאווערנער'ס פאראדנונג, האט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט באלד אנגעהויבן איינקויפן misoprostol כדי צו אנהויפן 150,000 דאזעס – א זאפאס וואס איז גענוג פאר פינף יאר – צו נאכקומען די ערווארטעטע פארלאנג. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז אויב די אבארשען

מעדיצין mifepristone וועט אראפגענומען ווערן פון די מארקעט, וועט די סטעיט צוזאגן נאך 20 מיליאן דאלאר פאר פּראָווײַדערס צו שטיצן צוטריט צו אנדערע שיטות פון קעיר.

אין יוני פון 2023 האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו פארשטערקערן צוטריט צו אבארשען קעיר און צו באשיצן פאציענטן און וועלכע דארפן צוקומען דערצו דורך 'טעלע-העלט' סערוויסעס — און אזוי אויך צו באשיצן די דאקטוירים וואס שטעלן צו די קעיר. דער געזעץ האט פארברייטערט ניו יארק סטעיט געזעץ צו זיכער מאכן אז דאקטוירים, מעדיצינישע פראפעסיאנאלן און פארבינדענע קערפערשאפטן אין די סטעיט קענען צושטעלן טעלע-העלט סערוויסעס און אבארשען דורך מעדיצין פאר פאציענטן אינדרויסן פון ניו יארק אן מורא האבן פון אנגעקלאגט ווערן אין געריכט אין סטעיטס וואו אבארשען סערוויסעס זענען ארויסגענומען געווארן פון געזעץ אדער באגרעניצט געווארן.

גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן א געזעץ אין מאי פון 2023 צו פארזיכערן אז יעדע סטודענט וואס איז איינגעשריבן אין א SUNY אדער CUNY קאלעדזש קען באקומען אבארשען דורך מעדיצין אויפן קאמפוס. דער געזעץ פארלאנגט אז יעדע SUNY און CUNY קאמפוס זאל צושטעלן צוטריט צו אבארשען מעדיצינען פאר זייערע סטודענטן דורכן אויפנעמען אדער מאכן א קאנטראקט מיט מענטשן וועלכע זענען אויטאריזירט צו פארשרייבן אבארשען פּרעסקריפּשען מעדיצינען, אדער דורכן גיבן פאר סטודענטן די אינפארמאציע און ריפערעלס צו אנקומען צו דאקטוירים וועלכע זענען אויטאריזירט צו פארשרייבן אבארשען מעדיצין.

אין מאי פון 2022 האט גאווערנער האקול אנאנסירט א לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן דירעקטערהייט אבארשען פּראווײַדערס ערווארטנדיג די סופּרים געריכט צו איבערדרייען די *Roe v. Wade* אורטייל. גאווערנער האקול האט פאראָרדנט די העלט דעפּארטמענט צו וואקשטעלן א 25 מיליאן דאלארדיגע אבארשען פּראָווײַדער שטיצע קאסע פאר אבארשען פּראָווײַדערס צו פארברייטערן קאפאציטעט און פארזיכערן צוטריט פאר פאציענטן וועלכע ווענדן זיך פאר אבארשען קעיר אין ניו יארק. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר פאר קינדער-געבורט העלט קעיר צענטערן צו באקומען סעקיוריטי גרענטס דורך די דיוויזיע פאר קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services) צו העלפן פארזיכערן די זיכערהייט פון די פּראָווײַדערס וועלכע שטעלן צו די קריטיש-וויכטיגע קעיר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418